# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה

**שמואל שלמה טעללער**, קרית יואל

**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**

ביטע רופט אַריין 845.783.0735

**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**

לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס

**מיט דאַנק פון פאָראויס – וזכות הרבים תלוי בכם**

טז

## הרב החסיד המרומם רבי יקותיאל זלמן בינער זללה"ה

**מרביץ תורה ומנהל רוחני במוסדות סאטמאר**



### זומער תשי"ז ביי רבי זלמן בינער ז"ל

**אין א שמועס מיט איינעם פון די עלטערע תלמידים פון ר' זלמן ז"ל, הרה"ח ר' יצחק יוסף גראד הי"ו, דערציילט ער אונז אינטערעסאנטע זכרונות פון גאנצע 70 יאר צוריק, וואס טראגט מיט זיך גאר א גרויסע חשיבות:**

במשך די לאנגע וואכן וואס עס ווערט באשריבן מורי ורבי ר' זלמן ז"ל, און איך ליין די הערליכע שילדערונגען וואס ווערן דא באשריבן, שפיר איך כסדר אז 'בדידי הוי עובדא', אלעס וואס מען דערציילט דא איז ממש ווי לעבעדיג וואס איך האב אויך מיטגעלעבט און מיטגעהאלטן אין די תקופה וואס איז האב געלערנט ביי ר' זלמן מיט כמעט גאנצע 70 יאר צוריק.

לאמיר פרובירן עפעס צוגעבן אלס הוספת נופך.

אין יענע יארן איז רבי זלמן געווען א מלמד אין אנטווערפן, דארט איז איינגעפירט אז מ'איז ארויסגעפארן אין די זומער חדשים - אזוי ווי מ'פארט דא אין קעמפ - דארט האט עס געהייסן 'קאלאניע', מ'פארט ארויס זומער, און ס'איז געווען א שטעטל וואס האט געהייסט 'ספא'. וואס דארט איז געווען דער קעמפ.

יענעם זומער האב איך געהאט די זכי' צו זיין א תלמיד פון ר' זלמן בינער ז"ל. עס איז דא אסאך שיינע זכרונות וואס מ'קען רעדן און דערציילן פון יענע צייטן, דער אופן ווי אזוי ר' זלמן האט געלערנט מיט אונז, און זיין כח השפעה וואס ער האט געהאט אויף אונז, וואס דאס זענען זאכן וואס מ'נעמט זיך מיט אויף אייביג, אבער איך וואלט זיך דא ענדערש קאנצענטרירט איבערצוגעבן איין אומפארגעסליכער עפיזאד וואס גייט מיר נישט ארויס פון קאפ, כאטש מיר שטייען יעצט שוין כמעט 70 יאר שפעטער.

עס איז געווען כ"א מנחם אב תשי"ז.

עס איז אנגעקומען פון ארץ ישראל די ביטערע בשורה איבער די הסתלקות פונעם בעלזער רב זצוק"ל, בפניא דמעלי שבתא פרשת עקב.

אונזער כיתה איז געווען אינדרויסן אויף א גרויסע פארטש, עס ליגט מיר אזוי פריש אין זכרון, ווי ר' זלמן האט אנגעהויבן צו רעדן צו אונז קינדער, מיט גרויסע בכיות האט ער אראפגעלייגט די גרויסע אבידה וואס כלל ישראל האט פארלוירן, און ער האט אריינגעברענגט אין אונז אזא ערנסטקייט, אז כאטש וואס מיר זענען געווען יונגע קינדער, מיט קליינע השגות זאלן מיר פארשטיין אז כלל ישראל האט יעצט מיטגעמאכט זייער א גרויסע אבידה, און מיר האבן דא פארלוירן א צדיק אמת וואס איז א מורא'דיגער שאדן פארן גאנצן דור.

עד היום הזה ליגט מיר אין די ביינער ווי אזוי ר' זלמן האט מיט בכיות געשילדערט וואס עס טוט זיך יעצט אפ ביים בי"ד של מעלה, ער האט אראפגעלייגט ווי די מלאכים אין הימל וויינען אויף די ביטערע אבידה וואס כלל ישראל האט פארלוירן, ער האט דאס אזוי דראמאטיש אראפגעלייגט, ער האט אזוי מיטגעשלעפט דעם עולם, איך בין נאך געווען א יונג קינד, איך געדענק נאך ווי היינט ווי די גאנצע קלאס האט מיטגעוויינט מיט אים.

ר' זלמן מיט זיין אמת, מיט זיין תמימות, מיט זיין ריינקייט, מיט זיין גאנצע הארץ וואס ער האט אריינגעלייגט אין יעדע זאך, האט עס אזוי ארויסגעברענגט אז יעדעס קינד האט ממש געפילט א פערזענליכע צער אז מ'האט פארלוירן אזא גדול בישראל. ער האט אריינגעברענגט אין די קינדער אזא אהבת צדיקים, אזא ווארעמקייט, ער האט יעדן טאג פארציילט מעשיות פון סיפורי צדיקים.

ביי מיר פערזענליך האט די הסתלקות פונעם בעלזער רב זצוק"ל געהאט א ספעציעלער באדייט, ווייל איך האב נאך ב"ה געהאט די זכי', אז איך בין געווען אויף א שבת ביים בעלזער רב. מיין טאטע ז"ל האט מיר געטראגן קיין תל אביב אויף א שבת צו זיין מיט'ן בעלזער רב, און איך געדענק נאך עד היום יענעם שב"ק, און דער לעכטיגער טיש. ממילא ביי מיר איז די אבידה געווען מער א ספעציעלע ווייטאג. איך האב דאך אים געקענט, איך האב אים געזען עין בעין.

אבער, באמת איז דאס התעוררות געווען ביי אלע קינדער, ר' זלמן האט אריינגעברענגט א שטארקע התעוררות ביי אונז אלע. איך ווייס נישט צי ס'איז געווען איין קינד וואס האט נישט געלאזט א טרער. דער עולם האט אזוי מיטגעוויינט מיט אים. אה...

די אינטערעסאנטקייט איז געווען אז דער זעלבער רבי וואס האט אונז געקענט מאכן וויינען מיט בכיות אויף די אבידה פון צדיקים, איז געווען אנדערע פעלער וואס ער האט אונז געקענט מאכן לאכן, און אויפלעבן און אויפהייטערן די געמיטער פון די קינדער, באופן יוצא מן הכלל.

עס קומט ארויף זכרונות פון יענע זומער חדשים, ווי אזוי ר' זלמן איז געווען אונזער רבי אין יעדע סארט געלעגנהייט. איך געדענק מ'איז געפארן אויף א טריפ, מ'איז געפארן אזוי אריין אין א טייך, און ס'איז געווען אזעלכע ביציקלעך וואס פארט אויפן וואסער, ר' זלמן איז מיט אונז מיטגעקומען און מיטגעפארן אויפן וואסער און די גאנצע צייט האט ער אונז אויפגעלעבט.

אזוי אויך איז געווען די אלע צייטן ווען ער פלעגט אונז נעמען אסאך טעג אין וואלד שפאצירן, פלעגט ער מאכן מיט אונז אזא

מארש מיט א ספעציעלע ניגון, ער האט געהאט א טאלאנט און כח זיך קענען אראפלאזן צו די קינדער לויט אונזער באגריף, ער האט זיך פאר אונז אוועק געגעבן באופן יוצא מן הכלל, מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט.

עס איז אפשר קינדעריש צו דערציילן, אבער עס שטעלט פאר דעם מציאות, איינמאל אין וואלד אינמיטן א שפאציר איז אונז קעגן געקומען א בעל חי, אפשר איז דאס געווען א פוקס, אדער ענליך צו דעם. ר' זלמן האט זיך נישט פארלוירן, און ער האט אויסגערופן "קינדערלעך, אלע זאלן זיך אראפבייגן שנעל, און מ'מאכט זיך אזוי ווי מ'הייבט אויף א שטיין, מ'געט א ווארף"... יעדער האט דאס געטון, מ'האט נישט געווארפן קיין שטיינער, אבער דאס האט געהאלפן און די חי' האט געמאכט פליטה.

אזעלכע אינטערעסאנטע עפיזאדן וואס איך דערמאן זיך וויאזוי ער האט זיך אלץ אריינגעלייגט אין אזא מצב אז ער האט מיטגעלעבט לויט די קינדער'ס שכל און השגות.

דאס נאנטשאפט האט אנגעהאלטן אלע יארן שפעטער, אפילו נאך מיין חתונה, ווען אימער איך האב אים געטראפן פלעג איך אים באגריסן מיט אזא אהבה.

איך דערמאן זיך, איך האב געהאט א גרויסע שמחה, ווען איך האב געהאט מיין ערשטע קינד, האב איך אים גערופן, "וואס איז?" פרעגט ער, "ס'קומט מיר א מזל טוב". זאג איך אים, "איך האב געהאט א יונגל למזל טוב".

"וואו וואוינסטו?" פרעגט ר' זלמן. זאג איך אים, "איך וואוין דא א בלאק אוועק". זאגט ער, "איך מוז אריינגיין זאגן פאר די יולדת מזל טוב".

ער איז אריבערגעקומען צו מיר אהיים, ער איז אריינגעקומען אין שטוב, עס האט ממש אויסגעזען ווי כאילו ער איז דא דער זיידע, מיט אזא ווארעמקייט, מיט אזא ליבליכקייט איז ער אריינגעקומען מלא שמחה, און ער האט אנגעוואונטשן מיט א ווארעמקייט. מען האט געפילט אז ער איז טאקע ממש ווי א טאטע, א זיידע.

אזוי האט ער האט געהאט א גרויסע קרבות מיט יעדן איינעם פון זיינע תלמידים, ער האט יעדן ליב געהאט, און יעדער האט אים ליב געהאט.

ביי איינע פון די שפאצירן, האט ער דערציילט אז ער איז געווען יונגערהייט אין מיליטער, די רומענישע סאלדאטן זענען געווען אין די טאנקען, און מ'האט אויסגעלערנט די סאלדאטן ווי אזוי צו מארשירן, און מ'האט געשריגן 'רעכטס', 'לינקס', און דער וואס האט געשריגן 'רעכטס' האט געמאכט 'לינקס', עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, זיי האבן זיך טועה געווען צווישן רעכטס און לינקס, ביז דער גענעראל האט געזען אז ער האט נישט קיין אנדערע עצה, האט ער פאר יעדן אריינגעלייגט א פאטעטא אין די רעכטע האנט, און א טאמעטא אין די לינקע האנט, און מ'האט מארשירט, און געשריגן "פאטעטא, טאמעטא, פאטעטא, טאמעטא".

אזוי האט ער געמאכט 'פאן' מיט די קינדער, ווי מ'זאגט אין אמעריקע.

די אהבה וואס ער האט אריינגעגעבן אין אונז איז געבליבן, אלע יארן איז געבליבן א קשר מיט דעם מלמד, ווי א חלק פון די משפחה. מיט אזא פנים שוחקות, מיט אזא פרייליכקייט, מען קען דאס נישט באגרייפן.

אבער פון די אנדערע זייט, ווען מ'האט געדארפט זיין שטרענג, האט ער געקענט זיין גאנץ גוט שטרענג.

איך געדענק נאך מיין חתונה, איך פלעג פארן קיין אנטווערפן צו הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זצוק"ל. אלס א תושב וואס האט דארט געוואוינט אפאר יאר, פלעגט ער מיך איינלאדענען "מוזט קומען עסן צו מיר שבת", אלס א תלמיד.

ס'איז נישט געווען אזא השגה אז ער האט אפגעלערנט דאס יאר וואס איך האב געלערנט ביי אים און ער איז פארטיג געווארן מיט'ן תלמיד. ניין, ער האט ווייטער אנגעהאלטן דעם קשר כל ימיו. דאס איז שוין געווען ווען ער איז געווען אין די 'מידל-עידזש' יארן, איז ער געווען אזוי נאנט, און אזוי באליבט, ווי מ'זאגט "מיין צווייטע טאטע".

עס איז זיכער אז עס איז א גרויסע זכות פאר אים אז ער האט איבערגעלאזט תלמידים, וואס זענען פארבליבן מיט זיין חינוך, מיט אזויפיל אייגנארטיגע זאכן, מידות טובות און פרייליכקייט.

ער האט געהאט פארשידענע ניגונים, וואס ער האט אלץ אויסגעלערנט פאר די קינדער.

איך דערמאן זיך ווי ר' זלמן האט געלערנט מיט אונז א גאנצע שפיל, ער האט געהאט עטליכע משוררים, יעדער האט געהאט א ספעציעלע אינטערעסאנטער נאמען, און ס'איז געווען אזא גאנצע שפיל מיט וואס ער האט אונז געהאלטן געשפאנט. אזוי איז נישט געווען קיין איין מינוט לאנגווייליג אין די כיתה פון ר' זלמן, יעדע מינוט האט ער אויסגענוצט, צום לערנען, צום דאווענען, אדער אריינצוגעבן אין אונז מידות טובות, ידיעות התורה, שמחה מיט יראת שמים. איך געדענק נישט נאך אזא מלמד.

זכותו יגן עלינו, זיין גרויסער זכות וואס ער האט מעמיד געווען אזויפיל ערליכע תלמידים, דאס טוט אים זיכער ביישטיין בעולם הבא, און אוודאי אויך פאר אונז.



ר' זלמן ז"ל אין אנטווערפן מיט זיין שוואגער
הרה"ח ר' מענדל פריעדמאן ז"ל

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**